STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06756

BAYM KVAL

David Galili-Glatzer

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד גלילי־גלאַצער

*

ב יַ ם קוו אַ ל

דוד גלילי-גלאַצער

ביַים קוואַל

פאַרלאַג י. ל. פּרץ ישראל

1963

David Galili-Glatzer

BAIM KVAL

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby st., Tel Aviv

דוב גלילי־גלאַצער / בײַם קוואַל

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1963

דפוס „אורלי״, ת״א, טל. 32062

דעם ליכטיקן אָנדענק
פון מיין אומגעקומענער משפחה

אינהאַלט

זייט
ביים קוואַל 9

דערשאָסענע יאָרן

איך בין דאָס שטיל־פאַרגליווערטע געשריי . 13
פּאָעזיע 14
מיין גורל 15
אָ, ווו בין איך געוועזן... 16
מיין שטעטל פון אַמאָל 17
אָ, דניעסטער... 18
אַן אַלט בילד 19
יידישע רויזן 20
אין געטאָ 21
אַפּריל 22
עמנואל רינגעלבלום 23
יזכור 24
ברויט 25
אין וואַלד 26
אין בלוט פון דער שקיעה 27
יידישע טרערן 28
דער געקרייצטער טאָג 29
פלאַמען פון געטאָ 30

נאָכן שטורעם

אַן אָפּגעריסן בלעטל 33
דער ערשטער שניי 34
איך לערן זיך ביים בוים 35
אַ צווייג אין מיין פענצטער 36
האַרבסט־מאָטיוו 37

אַ געוועזענער זעלנער 38
פרילינג 39
מיין וואָגן מיט זכרונות 40
איך וועל נישט אַלט זיין 41
אַ פאַרשטערטער יום־טוב 42
חצות 43
מיין האָרץ 44
אין וועג 45
דיר 46
נאָך אַ רגע 47
עץ החיים 48
דער ווידערקלאַנג 49
אַ חשון־נאַכט 50
אַ היינטצייטיקע לעגענדע 51

צום באַגערטן ברעג

יעדן טאָג 55
אַ דאַנק דיר 56
אויף דער שוועל 57
* * * (איך שטיי ביי מיין וועג...) 58
אַהיים 59
צו מיין לאַנד 60
מיין פּאַספּאָרט 61
אָ, שטיינער פון מיין שטעטל... 62

ביים קוואַל

נאָכן לאַנגן מידבר־וועג
קני איך ביים קוואַל
און טרינק פיבערדיק —
קרישטאָלענע טראָפּנס פאַלן אויף מײַן ברוסט.

כ'הייב אויף דעם קאָפּ צו דער זון —
און פּרוּוו מיט מײַנע פינגער
אָפּזוכן אויף דער האַרפע פון שטראַלן
מײַן נאָגנדיקן ניגון,
וואָס איז ערגעץ געוואָרן פאַרפאַלן...

און ס'שענקט מיר דער קוואַל
זילבערנע טראָפּנס פון טרייסט.

דערשאָסענע יאָרן

איך בין דאָס שטיל־פֿאַרגליווערטע געשריי

איך בין דאָס שטיל־פֿאַרגליווערטע געשריי,
אַ וואָלקנדל פֿון אַשוויענטשימער רויך,
אַ יאָרצײַט־ליכט, וואָס ציטערט אין מײַן וויי,
אַ פֿאָן, וואָס פֿלאַטערט אין דער הייך.

איך בין דאָס וואָרט דײַנס ביז צום לעצטן אות
מיט אונדזער פֿראַגע אייביקער:
„פֿאַר וואָס ? !"

פּאָעזיע

אַ פֿאַרפֿרוירן מיידל האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.
דורך צערייצטע וויוגעס
געפֿונען זי האָט אַ סטעזשקעלע צו מיר —
און טרייסלט אָפּ דעם שניי פֿון די זכרונות.

דערוואַרעם זיך, מײַן טײַערע, דערווײַל —
דאָ, אין מײַן האַרץ, איז נאָך דאָ אַ ביסל פֿײַער.
און כאָטש ס'איז שפּעט — ביסטו מיר תּמיד טײַער.
זעץ זיך, פּאָעזיע, דערצייל...

מײַן גורל

װען גאָט האָט געמײַסטערװעט װעלטן און צײַטן
האָט ער אַ שטעטל בײַם דניעסטער פֿאַרלױרן.
און דאָרט איז אַ מאָל אין אַ טאָג אַ פֿאַרשנײטן
אין שאָטן פֿון סאָסנעס מײַן גורל געבױרן.

געבעטן בײַם גורל כ׳האָב גליק — און איך האָב עס:
דער װינט האָט דאָס אַש פֿון די ליבסטע צעזײט...
מיט פֿעדעם פֿון קינדהײַט אין נאָדלען פֿון סאָסנעס
האָב איך מײַן װײטיק אין האַרצן פֿאַרנײט.

אָ, ווּ בין איך געווען...

ווען מ׳האָט פאַרטיליקט
מײַנע פרילינגס —
האָט די ערד געציטערט אין געוויין
ווי מען וואָלט באַוולט זי אַליין.

ווען ס׳האָט מײַן האָפענונג געברענט —
האָבן זיך ביימער בײַ גאָט געבעטן רחמים
און צו זײַנע פיס געבראַכט אים
מײַן גרינע קינדהײַט אויף די צווײַגן־הענט.

ווען, מײַנע ליבסטע, מ׳האָט פאַרפּײַניקט אײַך,
און אײַער בלוט האָט שטיל געשטראָמט צום טײַך,
האָט זיך די זון געוואָרפן פונעם ברעג
אין טײַך אַרײַן און מיטן שטראָם אַוועק...

און נאָר איך האָב נישט דערהערט
דאָס געוויין פון אײַער בלוט.
אָ, ווּ בין איך געווען אין דער מינוט?!

מײַן שטעטל פֿון אַמאָל

ס'איז ווײַט מײַן שטעטל פֿון אַמאָל.
ס'ליגט טיף מײַן גורל אינעם טאָל.
און ס'וועקן אָפּט מיך פֿונעם שלאָף
געדאַנקען — בלאָנדזשענדיקע שאָף.

און אויף דער וועלט מײַן רו כ'געפֿין
דאָרטן, הינטער דער אַלטער מיל,
ווו דער אָוונט קײַעט שטיל
דעם הייסן אָוונטברויט פֿון זון.

נאָר פֿון מײַן שטעטל כ'וויל אַנטלויפֿן —
כ'האָב דערזען אויף אַ הויפֿן
פֿאַרבלוטיקטע ציגל
מײַן צעבראָכן וויגל...

אָ, דניעסטער...

אַ לאָדקע שנײַדט דעם װײכן דניעסטער,
פֿון אירע װיאָסלעס קאַפּען שטערן.

אָ, ניין, דאָס זענען טרערן, טרערן
פֿון מײַנע שװעסטער.

דניעסטער,
פֿרײַנד מײַן בעסטער,
פֿאַרבליבן װאָלט איך דיר געטרײַ,
נאָר דײַנע כװאַליעס זענען בלײַ,
און כ׳קען דײַן ריטעם ניט דערהערן —
בלויז טרערן, טרערן.

אַן אַלט בילד

מיט אויגן מידע
די געלע צײַט
קוקט אַרוים פונעם בילד
און דערציילט :

פון דײַן פרימאָרגן
אַוועק זענען יאָרן —
דײַן שמייכל
איז פאַרגליווערט געוואָרן...

און דו ביסט פאַרבליבן
אַ קערנדל,
אַ זכר,
אַליין —
פאַרקאָוועט אין רעמל פון פּײַן.

יידישע רויזן

אויפֿן אַש פֿון געטאָ
בליִען רויזן רויטע.
אונטער זיי
נאָך טליִען יאָרן טויטע.

שטום איך שטיי און דריק צו זיך
דעם רויזן־קוסט —
און זײַנע דערנער
שטעכן מיר די ברוסט.

דאָס האָט די שקיעה
אײַך געהייסן בליִען
און האָט אײַך אָנגעצונדן
פֿון מײַנע וווּנדן.

אוי, איר האָט אויסגעזויגט מײַן לעבן,
מיין האָס און מוט —
יידישע רויזן —
לעבעדיקע פֿונקען פֿון מײַן בלוט.

אין געטאָ

דאָרט, אין געטאָ,
שוין פון לאַנג
ליגט מיט אָפּגעהאַקטע פליגל
מײַן געזאַנג.

דאָרט, אין געטאָ,
איז פאַרשאָטן
מיט דער ערד דער קאַלטער
מײַן געמיט.

איבער חורבות קרײַזט די קראָ
דורך אַ ווינט באַגלייט...
דאָרט, אין געטאָ, אויף דער תליה
הענגט מײַן פרייד.

אַפּריל

באַהאַלט פֿאַר מיר דײַן בליק דעם צאַרטן:
דײַן נאָמען טוט מיר יענע טעג דערמאָנען,
ווען פֿאַר מײַן פֿאָלק, אין געטאָ אַ פֿאַרשפּאַרטן,
האָסטו געבראַכט אַ דערנער־קראַנץ פֿון פֿלאַמען.

האָסט קאַלטבלוטיק זיך צוגעקוקט צום פֿײַער.
כ'וועל פֿון דײַן שולד דיך קיינמאָל נישט באַפֿרײַען.

עמנואל רינגעלבלום

(דער בעל־פנקס פון װאַרשעװער געטאָ)

די מויער פון געטאָ —
אַ פּעטליע פאַרװאָרפן
אויפן האַלדז פון מײַן פאָלק.

פאַריתומטע יאָרן
איבער װאַרשעװער גאַסן
דער װינט האָט געיאָגט.

שעהען און טעג
װי צעריסענע שמות
איבער די שטײנער צעזײט...

נאָר דו האָסט
אין אײַזערנע קאַנען
פאַר דורות באַהאַלטן די צײַט.

יזכור

איך בין נאָך אײַך קיין שבעה נישט געזעסן,
נאָך אײַך קיין קדיש נישט געזאָגט.
און ווּ ס'איז אײַער קבר — ווייסט נישט קיינער:
דער ווינט די נעמען ערגעץ האָט פאַריאָגט...

געזעסן שבעה זענען הויפנס שטיינער
און ס'האָבן ביימער שאָקלענדיק
קדיש נאָך אײַך געזאָגט.
און דער יאוש
האָט אין מײַן האַרץ געריסן קריעה.

ברויט

אויף דיר איך קוק מיט פאַרמאַכטע אויגן:
מײַן לעצטע רו דו רויבסט אַוועק.
אָ, וויפל שטאָלצע קעפּ דו האָסט געבויגן
און וויפל לעבנס האָסט פאַרסמט מיט שרעק.

עס פלעגט דאָס לעצטע וואָרט צו דיר געהערן
אין געראַנגל צווישן לעבן און טויט.
...ס'זענען זיך קנייטשן אויף מײַן מאַמעס שטערן
צונויפגעלאָפן און געפרעגט: „ווו נעמט מען ברויט?"

מיטן מלאך-המות געזעסן ביסטו אויבן אָן.
ווי אַ זשאַנדאַר
געשטאַנען איז בײַם מויער
דער געטאָ-הימל אין מונדיר אין בלויען
מיטן גאָלדענעם קנאָפּ פון דער זון.

און ווען מײַן מאַמע האָט צו דיר
די הונגעריקע הענט געשטרעקט אין נויט —
האָסטו בײַם דײַטש אין האַנט געשמייכלט...
פאַרוואָס האָסטו אים נישט דערוואָרגן, ברויט?!

אין וואַלד

איבער וועגן ווינטן ווויען —
אוי, ס'איז קאַלט...
זאָג מיר — וואָס האָסטו פאַרלוירן
דאָ אין וואַלד?

— עס דערמאָנט מיר יעדער דאָרן
אויף דאָס נײַ,
אַז דאָ פרירן מײַנע יאָרן
אונטערן שניי...

אין בלוט פון דער שקיעה

דער טאָג האָט זיך געבאָדן
אין בלוט פון זײַן שקיעה.
און דער הימל
האָט גלײַכגילטיק זיך צוגעקוקט פון אויבן
ווי ס׳שטרעקט די זון
איר לויכטנדיקן קאָפּ
אין אָשוויענטשימער אויוון...

יידישע טרערן

גערזען כ׳האָב אײַך אָפּט אויפֿן ייִדישן פּנים —
ווי פֿון אַ ברונעם
אין טײַכלעך איר האָט זיך צערונען
אין פֿלאַם פֿון באַגינען.

וואָס פֿאַר אַן אומעט אין אײַך איז פֿאַרבאָרגן —
דער ווייטיק פֿון נעכטן,
די האָפֿענונג פֿון מאָרגן?

דער געקרייצטער טאָג

איבער פעלדער
געוואַנדערט האָט דער טאָג.
און מיט אַ מחנה פון וואָלקנס
האָט די נאַכט אים דעריאָגט.

און אין געוויין פונעם רעגן,
מיטן לעצטן בליק אויף די בלומען,
האָט ער אויפן קרייץ פון די וועגן
אויסגעהויכט זיין נשמה.

און די נאַכט
האָט געלאַכט...

פלאַמען פון געטאָ

פלאַמען פון געטאָ, פאַרלאָשענע פלאַמען
פון אונטערן אַש איך קלײַב אײַך צוזאַמען
אין אַ פײַער אַ גרויסן — דערמאָנען דער וועלט:
אין העלישן פײַער מײַן היים איז געווען...

פלאַמען פון געטאָ, פאַרלאָשענע פלאַמען —
שטייט קיין מאָל נישט אויף שוין פון אונטערן זאַמד.
איך זוך נאָר אין אײַך מײַן פאַרפײַניקטן אָטעם
וואָס אייביק פלאַמט.

נאָכן שטורעם

אַן אָפּגעריסן בלעטל

עס בענקט אַן אָפּגעריסן בלעטל
נאָך זײַן פֿאַרברענטן בוים...
געקומען בין איך אין דעם שטעטל
ווו כ'האָב אַ מאָל געוווינט.

דאָרט ווו ס'ליגן רויטע חורבות
ביז צום דניעסטער־ברעג —
איז אַ מאָל מײַן קינדהייט באָרוועס
מיטן מאָרגנטוי אַוועק.

לאַנג בין איך געשטאַנען איינער
אין זעלנערשן שינעל
ביי דעם בערגל שטומע שטיינער
פֿון אונדזער אַלטער שוועל.

כ'האָב גערעדט מיטן גרויען דניעסטער,
מיט ווערבעס אינעם טאָל.
מיט אַ ליד זענען מײַנע שוועסטער
געזעסן דאָרט אַ מאָל.

עס בענקט אַן אָפּגעריסן בלעטל
נאָך זײַן פֿאַרברענטן בוים...
געקומען בין איך אין מײַן שטעטל
ווו כ'האָב אַ מאָל געוווינט.

דער ערשטער שניי

דער הימל שיט און שיט מיט זאַלץ
אויף די אָפּענע ווונדן פון דער ערד.
איך קוק אויף זיך און זע די וועלט —
ווי גרוי און אַלט זי ווערט...

דערזען כ׳האָב פּלוצעם הײַנטיקס יאָר
דעם ערשטן שניי אין מײַנע האָר.

איך לערן זיך בײַם בוים

איך לערן זיך בײַם בוים —
ווי ער שטייט מיט אַ שווײַגנדיקן טרוים
און זײַן טריבן גורל אין די אויגן
גיט ער אַ שיט מיט אַ געלעכטער
פון פאַלנדיקע בלעטער...

אַ צווײַג אין מײַן פענצטער

יעדן אינדערפרי
צעפּראַל איך פונעם פענצטער פליגל צוויי
אין דער גרינער נײַגעריקייט —
און איך פלי
אין בלויען בלי פון דער ווײַטקײַט.
איבער מײַן קאָפּ
הוידעט זיך אַ פרילינגדיקע צווײַג.

זי זאָגט מיר: „גוט־מאָרגן!" —
און ס׳וויגט זיך איר שאָטן
איבער מײַן געמיט,
איבער מײַן ליד.

האַרבסט־מאָטיוו

ס׳פאַלן בלעטער, ס׳רוישן בלעטער —
ברוינע פונקען, שטיקלעך גאָלד.
און דער ווינט — די ביימער גלעט ער,
ווי ער וואָלט טרייסטן זיי געוואָלט.

אָ, ביימער, איך בין אײַך מקנא:
איר וועט נאָך זײַן אין גרין געצירט —
פאַר אײַך איז פרילינגס נאָך פאַראַנען,
איר זענט גליקלעכער פון מיר.

ס׳פאַלן בלעטער...

אַ געוועזענער זעלנער

זעלנער זינגען — און ס׳איז ליב מיר:
ס׳האָט מײַן יוגנט מיר דערמאָנט —
מײַן ליד איז ערגעץ־ווּ פאַרבליבן
בײַ טראַנשייען געלע אויפן ראַנד...

יענע וועגן זענען ווײַט פון דאַנען —
דער הימל זכרונות ווײַסע שיט...
די יונגע יאָרן אין שינעל זיי שפּאַנען —
און צו זיי כ׳האָב צוגעפּאַסט די טריט.

פרילינג

דער פרילינג
אין שוואַרץ-ווײַסע פּאַסן
פון ערד און שניי
אַרוים איז אויף די גאַסן —
אַ באַפרײַטער פונעם ווינטער-לאַגער.

אַ געלײַטערטער —
אָרעמט ער די וועלט
מיט הענט פונעם רעגן-בויגן —
כאַטש אויף זײַנע פּלייצעס
הענגט נאָך די געלע לאַטע
פון דער ווינטערדיקער זון.

מײַן וואָגן מיט זכרונות

דער ווינטער מיטן פֿרילינג,
ווי אַ צווילינג,
אײַנגעשפּאַנט צום דישל פֿונעם וועג
קלאַפּן מיט די קאָפּעטעס פֿון טעג.

דער וואָגן איז געמאַכט
פֿון טאָג מיט נאַכט.
אויף רעדער פֿון זון און לבנה
פֿיר איך זעק זכרונות —
מײַן שווערע לאַסט:
אַלץ וואָס כ׳האָב געליבט
און כ׳האָב געהאַסט.

איך וועל נישט אַלט זײַן

עס גיט מיך מײַן נעכטן אין האַרצן אַ ברי.
די האָר גרויע — מערער פון ווערטער זיי זאָגן...
צו מיר איז מײַן עלטער געקומען צו פרי.
און אפשר ט׳די יוגנט דערנאָך מיך דעריאָגן?

אָבער מײַן יוגנט איך וועל נישט באַקלאָגן,
כאָטש פעדערן פיל אין די פליגל עס פעלט איר:
דערפאַר וואָס כ׳בין יונג נישט געווען אין מײַן יוגנט —
וועל איך נישט קיין מאָל זײַן אַלט אין מײַן עלטער.

אַ פֿאַרשטערטער יום־טוב

מיר האָבן אין כוסות דעם יום־טוב צעגאָסן —
נאָר ס'ציטערט דער כוס אין מײַן האַנט.
ס'גיסט זיך דער װײַן װי בלוט אויף די גאַסן...
אַ שטומער איך שטיי בײַ דער װאַנט.

ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך הער פֿונעם װײַן
אַ יאָמערדיק קינדער־געװײן...
און ס'װאַלגערט זיך דער איבערגעקערטער כוס
װי אַ גילזע נאָכן שאָס.

חצות

איך קוק אין דער נאַכט.
מיט שטערן ווינקט צו מיר דער תהום.
ס׳דרימלען בערג,
ס׳דאַווענען וועלדער פאַרטראַכט.

כ׳היל זיך אײַן אינעם ווינט
און טונק אײַן מײַן פּען
אין טינט פון דער נאַכט.

די רגע פון געזאַנג און אומעט
איך וויל פאַנגען, ווי דאָס גאָלדענע פישל,
אין נעץ פון מײַן ליד —
די וועלט וואָס לאַכט און וויינט,
איז פול מיט כוח און מיד.

ס׳איז חצות אין מײַן לעבן.
חצות.
מײַן קינד אינעם לבנה־אָפּשײַן,
מורמלענדיק עפּעס אין חלום,
דרייט זיך איבער אין איינעם מיטן ערד־קײַלעך
אויף דער אַנדערער זײַט.

מײַן האַרץ

ביסט פֿלאַך װי אַ װעג —
אונ טיף װי דער תּהום,
קלײן װי אַ פֿױסט —
און גרױס װי די װעלט.
ברײט װי דער ים —
און שמאָל װי אַ צױם,
הײס װי די זון —
און אַ ברונעם פֿון קעלט.

טורעמס אַזױפֿיל
האָסטו געבױט — און צעשטערט.
מיט פֿרײד און מיט פּײַן ביסטו פֿול —
װײַל ס׳גײט דורך דיר דורך
די אַקס פֿון דער ערד.

אין וועג

וואַגאָנען, וואַגאָנען, וואָס זינגען אין וועג —
פאַר וואָס זשע דערמאָנט איר מיר אַנדערע טעג?

...געררירט האָט דער צוג פונעם אָרט —
און איך לויף אים נאָך מיט אַ גרויען געוואַלד און
איך וויל די וואַגאָנען פאַרהאַלטן...
ס'דרייט זיך און דרייט זיך דער גרויל פון די רעדער —
אַלץ ווײַטער און ווײַטער דער צוג —
און ס'שטאַרבט שוין דער טאָג.

כ'האָב אונטער די רעדער מײַן נאָמען פאַרלוירן.
ס'איז קאַלט מיר...
— — — — — — — — —
„מיר זענען געקומען, —
טאָ וואָס זשע וואַרט איר נאָך דאָ?"

דיר

אויפן הימל פון דײַן פנים —
וואָלקנס פון זאָרג.
בליצן פון קנייטשן
צווײַיגן זיך אַרום דײַנע אויגן —
נאָר דו טראָגסט שטאָלץ
דײַן וווּנדערלעכן שמייכל.
און איך זוך צוויי שטערן
אײַנגעהילטע אין דער נאַכט —
אין דער נאַכט פון דײַנע האָר.

נאָך אַ רגע

די זון אַרײַנגעפֿאַלן איז אין רעגן־נעץ —
און זי שנײַדט, זי רײַסט די פֿײַכטע פֿעדעם.
פֿון דער ווייטנס דער וואָלקן, ווי אַ לץ,
לאַכט אויס די זון, איר קער איר יעדן.

אָבער נאָך אַ רגע — און פֿון אירע שטראַלן
וועט זיך זײַן גאַנצע נעץ צעפֿאַלן.

עץ החיים

אויפן בוים פון לעבן
לאַכן טעג
און לידער בליען —
זיי פאַלן ווי בלעטער אויפן קאַלטן וועג.

אויפן בוים פון לעבן
וויינען נעכט
און טרערן הענגען —
זיי ברענגען אַ הייסע טרייסט די מידע טעג.

דער ווידערקלאַנג

1

פאַרטונקלטע יאָרן, חדשים און טעג —
אָ, וויפל געהאַט איך האָב אײַך אויף מײַן וועג...
איך וואָלט אײַך פאַרגעסן — נאָר ס׳לאָזט נישט דער ווינט —
ס׳איז טײַער דער מאַמע אַ יעדעס איר קינד.

2

אין מיר — צוויי וועלטן:
דער נעכטן און דער הײַנט.
מײַן נעכטן איז פאַרפײַניקט,
און מײַן הײַנט איז רויק זעלטן —
ווײַל אין אים
נאָך אַלץ דער נעכטן וויינט...

אַ חשון־נאַכט

אין אַ רעגן
וויינען ביימער בײַ די וועגן...
ס'קאַפּען טרערן פון די בלעטער,
דורך אַ ווינט געיאָגט.
אין די אָרעמס פון דער שקיעה
שטאַרבט אַ טריבער חשון־טאָג,
און די נאַכט — אַן אַלמנה —
אײַנגעהילט אין טרויער,
שטייט בײַם הימל־טויער
און בעט די מטבע פון דער לבנה.

אַ הײַנטצײַטיקע לעגענדע

פעניקס — לויט אַן אַלטער לעגענדע — אַ הייליקער פויגל, וואָס נאָכן פאַרברענט ווערן פלעגט ער ווידער געבוירן ווערן פונעם אייגענעם אַש.

דער גורל האָט אַזוי פיל מאָל פאַרברענט דיך —
און דו שטייסט ווידער אויף פון אַש דעם גרויען.
דו קערסט זיך אום צו די צעשטערטע יאָרן
און הויבסט אָן פון דאָס נײַ דײַן נעסט צו בויען.

אַרום — אַ בית־עולמדיקע שטילקייט.
דו הערסט נאָר ווי עס קלאַפּט דײַן האַרץ דײַן אייגנס.
אויף די נאָך טליענדיקע חורבות
שטייען קוימענס ווי יאָרצײַט־ליכט און שווײַגן.

נאָר אויפן בלויען פאַרמעט פונעם הימל
האָט דער טאָג געלייגט פון זון דעם זיגל —
און כ׳האָב דערקענט דורכן זײַדענעם באַגינען
אין הײַנטיקן אַש דײַנע מאָרגנדיקע פליגל.

צום באַגערטן ברעג

יעדן טאָג

יעדן טאָג
קום איך באַגלייטן אַ צוג.
יעדן טאָג
פון סאַמע באַגינען
מיט יעדן צוג
וואָס איך באַגלייט —
שיק איך דיר אויף די שורות פון די שינעם
מײַן זילבערנע בענקשאַפט.

און מײַן האַנט —
אַ צעבראָכענער פליגל —
ציט זיך צו דיר,
מײַן היים.

אַ דאַנק דיר

אַ דאַנק דיר, גורל מײַנער,
וואָס אין תפיסה פון די טעג
האָסט אויסגעהאַקט אַ פענצטערל פון האָפן.
דורך רעגן־קראַטעס, איבער קברים־שטעט, בין איך אַנטלאָפן
צום אויסגעבענקטן ברעג.

אויף דער שוועל

ווען כ׳האָב פון וואָר און חלום זיך אויפגעוועקט —
האָב איך מיט אַ מאָל דערזען מײַן גאַנץ פאַרמעגן:
פונעם שטערן ביז די שיך בין איך געווען באַדעקט
מיט שטויב פון פרעמדע וועגן.

אין ווײַטער ווײַטעניש געווען איז היים און קאַלט,
אין וועג נישט איין מאָל איך האָב וועלף באַגעגנט.
און עס האָט פאַרטונקלט מײַן געשטאַלט
דער שטויב פון פרעמדע וועגן.

נאָר געווען פאַרעקשנט איז מײַן האַרץ
און מיך געפירט מײַן אַלטער היים אַנטקעגן —
און אויף דער שוועל פון מײַן באַגערטן לאַנד
כ׳האָב אויסגעטאָן דעם שטויב פון פרעמדע וועגן.

* * *

איך שטיי ביי מײַן וועג מיטן אָוונט צוזאַמען —
און ס'נידערט דער טוי אויפֿן גראָז.
כ'פֿאַל צו צו מײַן ערד — צו דער שויס פֿון מײַן מאַמען —
און ס'וויינט זיך — איך ווייס נישט פֿאַרוואָס.

און קושן איך וויל יעדן בוים, יעדן שטיין —
כ'האָב אויסגעבענקט טעג אָן א שיעור...
דו קאָנסט, אַ לאַנד מײַנס, אָן מיר זיך באַגיין —
נאָר וואָס וועל א י ך טאָן אָן דיר?

אַהיים

דער אַלטער „הערמעס",
אַ מידער פונעם וועג,
שלאָגט צו צום ברעג.
דאָס האַרץ צאַפּלט און נאָגט.
ס'טאָגט.
ווײַסע הײַזער מיט אויגן צעעפנטע פון פענצטער
לאָזן זיך באַרג-אַראָפּ מיר אַנטקעגן —
זיי ווילן מיך עפּעס פרעגן.
איך דערזע מײַן מאַמע —
די זון.
זי פאַרריכט אויף איר קאָפּ די שאַל פון באַגינען
און גלעט צו די האָר פון שטראַלן.
זי פרעגט מיך מיט טרערן:
— זון מיינער,
דײַן אַלטע מאַמע
און דײַן היים דײַן אַלטע
אין פרעמדע וויסטענישן קאַלטע
נאָך צוויי טויזנט יאָר דו האָסט נישט פאַרגעסן?
— ניין, מאַמע.
און צוזאַמען
מיר לאָזן זיך איבער בלויע גאַסן
אַהיים.

צו מײַן לאַנד

עס זענען מיר ליב דײַנע שטאָלענע װעגן
און דײַנע צעשמײַכלטע שטעט.
ס'גאַנצע לעבן בין איך דיר געגאַנגען אַנטקעגן —
און אפשר געקומען כ'בין שפּעט?

װען דו האָסט געװאַרט אויף מײַן בלוט און מײַן שװײס —
געװען איז מײַן טאָג אין דער פרעמד אַזוי טריב...
איך האָב דיך ליב געהאַט תמיד — איך װײס —
איך װיל נאָר זאָלסט מ י ך האָבן ליב.

מײַן פּאַספּאָרט

בײַ מיר אין האַנט —
צװײ בלױע טאָװלען:
פֿאַר מיר עס װאַקסט
דער בױם פֿון דער מנורה.
און װאַרעם איז מיר
אונטער זײַנע צװײַגן.

אַלע דורות האָבן אים דערקענט,
און ס'ציִען זיך צו מיר הענט —
הענט, אין די שײַטערס פֿאַרברענט,
הענט צו דעם בורא געװענדט, —
ייִדישע הענט —
זײ פֿאָדערן און בעטן: װײַז!

אַ, שטיינער פון מײַן שטעטל...

ווען מיט דיר כ׳האָב זיך געזעגנט —
האָב איך אין וואַנדער־זאַק פון מײַן זכרון
אַרײַנגעלייגט די שטיינער פון מײַן שטעטל.

כ׳האָב נישט געקענט אײַך איבערלאָזן הפקר –
אָ שטיינער הייסע, פאַרגעסענע נשמות.
געטוליעט כ׳האָב אײַך צו מײַן ברוסט,
ווײַל ראַטעווען געוואָלט כ׳האָב
די שטומע האָפענונג פון די געסלעך קרומע...

און אָפט אין מײַן ווינקל אונטערן דאַך,
אין געלן אָפשײַן פון לבנה־פיבער,
איך זיץ און גלעט ווי אַ צעמישטער
מײַן איינציקן אוצר וואָס איז מיר פאַרבליבן —
די אָפגעברענטע שטיינער פון מײַן שטעטל.